ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## בחוקותי

**(חלק כז שיחה ג)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"
770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת בהר־בחוקותי, טז־כב אייר, ה׳תשפ״ו (ב)

לעילוי נשמת

האשה הצנועה וחשובה

מרת **בוליסה אסתר** בת ר' **חיים** ע"ה

נפטרה כ"ג אייר ה'תשפ"ד

●

ולעילוי נשמת בעלה

ד"ר **פיטר** בן ר' **מנחם** ע"ה

**שאטון**

נדפס ע"י

**חב"ד ליובאוויטש בסאוטה דקוטה**


LIKKUTEI SICHOT

Copyright © 2026
by
KEHOT PUBLICATION SOCIETY®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org



All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בחוקותי ג*

א. ביים סיום פון הלכות ערכין וחרמים[1] אין ספר „היד" שרייבט דער רמב"ם: לעולם לא יקדיש אדם ולא יחרים כל נכסיו, והעושה כן עובר על דעת הכתוב, שהרי הוא אומר[2] מכל אשר לו, ולא כל אשר לו, כמו שבארו חכמים[3]. ואין זו חסידות אלא שטות[4], שהרי הוא מאבד כל ממונו ויצטרך לבריות. ואין מרחמין עליו. ובזה וכיוצא בו אמרו חכמים[5] חסיד שוטה מכלל מבלי עולם. אלא כל המפזר ממונו במצות אל יפזר יותר מחומש[6]. ויהי' כמו שצוו[7] נביאים[8] מכלכל דבריו במשפט, בין בדברי תורה בין בדברי עולם. אפילו בקרבנות שאדם חייב בהן הרי חסה תורה על הממון ואמרה[9] שיביא כפי מסת ידו, קל וחומר לדברים שלא נתחייב בהן אלא מחמת נדרו שלא ינדור אלא כראוי לו, שנאמר[10] איש כמתנת ידו כברכת ה' אלקיך אשר נתן לך.

פון כללות דברי הרמב"ם „אלא כל המפזר ממונו במצות אל יפזר יותר מחומש" איז לכאורה משמע, אַז אויך אין עניני צדקה (מצות הצדקה) דאַרף אַ איד געבן ניט מער ווי אַ חומש פון זיינע נכסים, און אַוודאי ניט כל נכסיו.

געפינען מיר אָבער, אַז דער אַלטער רבי איז מאריך אינעם ענין פון געבן צדקה מער פון חומש מנכסיו און אפילו אַוועקגעבן אויף צדקה אַלץ וואָס ער האָט — ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין אגרת התשובה[11] בנוגע פודה זיין אַ תענית מיט געבן געלט אויף צדקה „ואף שיעלה לסך מסויים[12] אין לחוש משום אל יבזבז יותר מחומש, דלא מקרי בזבוז בכה"ג מאחר שעושה לפדות נפשו מתעניות וסיגופים, ולא גרעא מרפואת הגוף ושאר צרכיו".

און אַזוי איז דער אַלטער רבי מבאר אויך אין אגה"ק[13], אַז אַ איד דאַרף „מפזר" זיין געלט אויף צדקה אָן אַ גבול בכדי דערמיט צו מתקן זיין (דעם קלקול ופגם דורך) די עבירות וואָס ער האָט געטאָן; און דער אַלטער רבי באַוואָרנט: ומ"ש המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, היינו דוקא במי שלא חטא או שתקן חטאיו . . אבל מי שצריך לתקן נפשו עדיין, פשיטא דלא גרעה רפואת הנפש מרפואת הגוף, שאין כסף נחשב[14],

---

*) וסיום ספר הפלאה ברמב"ם.

1) פ"ח הי"ג.

2) פרשתנו כז, כח.

3) ערכין כח, א.

4) ראה לקמן סעיף ז והערה 47.

5) סוטה כ, א. ולשיטתי' בפירוש המשניות שם (שאינו כבש"ס (בבלי שם כא, ב. ובירושלמי — הובא בתוס' שם!)).

ולהעיר משינוי הפירוש במבלי עולם — ושיטת הרמב"ם — קו"א לאדה"ז הל' ת"ת פ"ב ס"א.

6) כתובות נ, רע"א. שם סז, סע"ב. ערכין שם. וראה ירושלמי פאה פ"א ה"א.

7) תהלים קיב, ה (ושם: יכלכל) — ובא בהמשך למ"ש לפנ"ז „טוב איש חונן ומלוה".

8) וצע"ק שקורא ל(תהלים —) כתובים נביאים. וראה (מגילה יד, א — בפרש"י ד"ה נבואה. סוטה מח, ריש ע"ב) דדוד נביא הי' (וראה לקו"ש חי"ח ע' 275 הערה 31. ושנ"נ).

9) ע"פ הכתוב — ראה טז, יו"ד.

10) סוף פרשת ראה.

11) פ"ג (צג, א. ומציין (שם ריש ע"ב) לאגה"ק דלקמן).

12) ע"ד הל' דבר מסויים (ירוש' שקלים פ"א ה"ד. ועוד).

13) סוס"י (קטו, סע"ב ואילך).

14) ע"פ לשון הכתוב — דה"ב ט, כ. ועד"ז במ"א י, כא.

וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו כתיב[15].

און דאָס שרייבט דער אַלטער רבי אַלס אַן ענין וואָס איז נוגע הלכה למעשה — און ער פירט אויס (דאָרט אין אגה"ת) „נהגו עכשיו כל החרדים לדבר ה' להרבות מאד מאד בצדקה"; און אַזוי איז ער אויך מסיים (אין אגה"ק) אַז ער קען מפזר זיין אויף צדקה „בלי גבול[16] לתקן עוונותיו כו' צריכין אנו להתנהג כו' בלי גבול".

ב. וועט עס זיין מובן בהקדם אַ סתירה אין די רייד פון רמב"ם גופא:

אין זיין פירוש אויף דער משנה[17] „אלו דברים שאין להם שיעור . . גמילות חסדים" זאָגט דער רמב"ם[18]: מה שאמר בכאן גמ"ח אין לה שיעור, רוצה לומר לעזור אדם בגופו[19], אך שיעזור אותו בממונו — יש לו שיעור, והוא חמישית ממונו, ולא יתחייב לתת יותר מחמישית ממונו, לבד אם עשה כן במדת חסידות". זאָגט דאָך דאָ דער רמב"ם אַז מצד מדת חסידות האָט אַן אָרט צו געבן צדקה וגמ"ח מער ווי אַ חומש פון זיין ממון — און אין דער הלכה הנ"ל אין ספר „היד" שרייבט ער, אַז דאָס מפזר זיין מער פון אַ חומש „אין זו חסידות אלא שטות"!

אויך דאַרף מען פאַרשטיין:

אין דער משנה אין ערכין שטייט[20]: מחרים אדם מצאנו ומבקרו כו' ואם החרים את כולם אינם מוחרמים, דברי ר"א. א"ר אלעזר בן עזרי' מה אם לגבוה אין אדם רשאי להחרים כל נכסיו, עאכו"כ שיהא אדם חס על נכסיו.

פרעגט דאָרט די גמרא אויף דער משנה: „א"ר אלעזר בן עזרי' . . היינו ת"ק" און די גמרא ענטפערט: „איכא בינייהו דרבי אילא דאמר רבי אילא באושא התקינו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש". איז דאָרט רש"י מסביר בפירושו[21]: ר' אלעזר בן עזרי' אית לי' דרבי אילא, דהא אתא לאשמועינן שיהא אדם חס על נכסיו, ר"א לית לי' דרבי אילא, דאי בזבז טובא לא איכפת לן, אלא ששייר לעצמו קצת, דומיא דחרם.

ד.ה. אַז דער ת"ק האַלט ניט ווי ר' אילא אַז ס'איז פאַראַן אַ שיעור פון חומש, און אַן אדם קען מחרים זיין מער פון אַ חומש בנכסיו; און שיטת ר"א בן עזרי' איז אַזוי ווי ר' אילא, אַז ער זאָל ניט מחרים זיין מער פון אַ חומש.

ולפי זה, וויבאַלד אַז אין פירוש המש־ניות נעמט אָן דער רמב"ם דעת ר' אילא, אַז ס'איז דאָ דער שיעור פון „חמישית ממונו" — פאַרוואָס זאָגט ער אַז מצד מידת חסידות קען ער געבן „יותר מחומש", בעת מיר געפינען דעתו במ"א (בהל' ערכין וחרמין) אַז דער שיעור „אל יבזבז יותר מחומש" איז שולל דעם „יותר" אפילו מצד מידת חסידות?

ג. מפרשים[22] זיינען מבאר, אַז אין די צוויי מקומות הנ"ל (אין הל' ערכין וחרמין און אין פיהמ"ש) רעדט דער רמב"ם וועגן צוויי אופנים אין צדקה:

15) איוב ב, ד.

16) ראה גיטין נב, א (רמב"ם סוף הל' נחלות), שצדקה אין לה קצבה (ובפרש"י שם: בכל שעתא קיימי עניים נמצא נכסיהם כלים).

17) פאה רפ"א.

18) מירושלמי פאה שם.

19) כ"ה גם ברמב"ם הל' אבל רפי"ד.

20) כח, א.

21) וכ"ה בפי' רגמ"ה שם.

22) ברכי יוסף יו"ד סרמ"ט סק"א ד"ה ואפשר. וראה גם שו"ת בית דינו של שלמה יו"ד סי' א (מח, ג ואילך). ועוד.

אין פירוש המשניות רעדט דער רמב"ם וועגן אַ פאַל ווען דער אדם ווערט מחוייב בנתינת צדקה דערפאַר וואָס ער האָט פאַר זיך די עניים אָדער אַנדערע אומללים און זיי זוכן און בעטן הילף, ובלשונו „כשהאדם יראה שבוים שהוא חייב לפדותם כו' או רעבים או ערומים שהוא חייב להשביעם ולכסות מערומיהם כמו שאמר[23] די מחסורו אשר יחסר לו" — דעמאָלט איז „פחות מחמישית ממונו או כפי חמישיתו" דאַרף ער געבן מצד החיוב, און מצד מידת חסידות קען ער געבן מער ווי אַ חומש.

בהל' ערכין וחרמין אָבער רעדט דער רמב"ם ווען ער קומט מחלק זיין ממונו לעניים מאליו ומעצמו „דומיא דמקדיש ומחרים"[24], און אויף דעם איז חל דער שיעור קבוע פון „חומש" און מער פון דעם טאָר ער ניט געבן אפילו מצד מידת חסידות[25].

ד. ויש להוסיף בזה, אַז דער חילוק צווישן ב' מקומות הנ"ל ברמב"ם באַשטייט ניט (בלויז) אין די צוויי באַזונדערע אופנים אין דער מצוה פון צדקה (צי עס זיינען דאָ עניים נצרכים לפניו אָדער ער טיילט צדקה מעצמו) — נאָר (אויך) אין דעם אונטערשייד צווישן דעם גדר המצוה פון ערכין וחרמין און דעם גדר פון מצות צדקה[26]:

דער גדר פון מצות ערכין וחרמין איז, ווי דער רמב"ם איז מסביר דאָרט אין דער פריערדיקער הלכה[27]: ההקדשות וחרמין והערכין מצות וראוי לו לאדם להנהיג עצמו בדברים אלו כדי לכוף יצרו ולא יהי' כילי — והיינו אַז אין דער נתינה פון ערכין וחרמין איז מודגש די תועלת פאַר דעם נותן[28] און ניט דאָס וואָס דער מקבל (הקדש כו') נויטיקט זיך אין דעם.

משא"כ אין פיהמ"ש, ביי עניני צדקה וגמ"ח, באַשטייט דער גדר המצוה דערין וואָס די נתינה איז לצורך המקבל, צו ממלא זיין „די מחסורו" פון דעם עני, ובלשון הרמב"ם[29] „מצות עשה ליתן צדקה לעניים כפי מה שראוי לעני"[30].

און דעריבער, אין הלכות ערכין וחרמין שרייבט דער רמב"ם בלשון סתמי: אל יפזר יותר מחומש (אָן קיינע חילוקים ויוצא מן הכלל), אַז ער זאָל ניט געבן יותר מחומש אפילו מצד מדת חסידות (ווייל אין דעם פאַל איז עס, ווי דער רמב"ם איז מדגיש, איבערהויפּט ניט קיין מדת חסידות)[31]; משא"כ אין

23) ראה טו, ח.

24) לשון הברכ"י שם.

25) וראה בס' שנסמנו בהערה 22, שזהו החילוק בין מאמר הירושלמי (פאה שם) ודהבבלי (בב' מקומות בכתובות שם).

26) גם כשאין עניים לפניו — ראה לקמן הערה 36.

27) הלכה יב.

28) ראה גם שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ג.

29) הל' מתנות עניים רפ"ז.

30) וראה שאילת יעבץ (סוס"ג) דמפשטות ל' הרמב"ם מובן דבידו משגת אין בזה כלל הגבלות דמעשר וחומש וצריך ליתן להעני כדי צרכו גם אם הוא יותר מחומש (אלא שמפיה"מ פאה שם לא משמע כן). ע"ש בארוכה.

וראה גם מכתב כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע (סה"מ תש"ט ע' 21. אגרות קודש שלו ח"א ע' קלח. ועוד) כל מצוה יש לה גבול ומדה כו' ומצות הצדקה אין לה שיעור וכמש"כ בשו"ע יו"ד רסרמ"ט שיעור נתינה כפי צורך העניים, בל"ג (וראה שם ע' 17. אגרות קודש שם ע' פה).

31) בשו"ע אדה"ז או"ח שם שבכדי „שתקבע בנפשו מדת ורב חסד כו'" (ולא יהי' כילי) „יפזר ויתן ממון הרבה לעניים כו'" — והיינו גם יותר מחומש (אלא של„אחר שתקבע בנפשו מדה זו לא יפזר יותר מדאי שזו אינה דרך טובה ותקנת חכמים שלא יבזבז יותר מחומש"). וי"ל דהרמב"ם בהל' ערכין וחרמין מדבר לא בתחילת עבודתו בכדי לקבוע בנפשו כו' (כבשו"ע אדה"ז שם) כ"א בסדר והנהגה הקבוע, „וראוי לו לאדם להנהיג עצמו".

פירוש המשניות, וואו עס רעדט זיך וועגן דער מצוה פון צדקה, וואָס גדרה איז צורך העני, איז דאָרט דער רמב"ם מוסיף אַז ער קען געבן אויך מער ווי אַ חומש (כאָטש ער איז ניט מחוייב) — מצד מדת חסידות[32].

ה. דערמיט קען מען אויך מבאר זיין דעם שינוי בדברי הרמב"ם אין נאָך צוויי ערטער:

א) אין הלכות מתנות עניים[33] שרייבט דער רמב"ם: "בא העני ושאל די מחסורו ואין יד הנותן משגת נותן לו כפי השגת ידו וכמה עד חמישית נכסיו מצוה מן המובחר": דאָס וואָס דער רמב"ם איז מדייק צו זאָגן דעם צד החיובי אַז ער זאָל געבן ביז "חמישית נכסיו" — און ניט דעם צד שלילי, אַז מער פון אַ חומש זאָל ער ניט געבן — איז ווייל מצד דעם גדר פון "הלכות מתנות עניים", צורך העני — קען ער מוסיף זיין און געבן מער פון חמישית נכסיו (מצד מדת חסידות[34]).

[ועפ"ז יומתק וואָס אין סוף הל' ערכין וחרמין דערמאָנט דער רמב"ם כלל ניט דעם גאַנצן ענין פון צדקה לעניים, וואָרום באַ צדקה לעניים[35] איז (לדעת הרמב"ם) בכלל ניטאָ דער איסור פון אל יבזבז יותר מחומש[36]].

ב) דברי הרמב"ם — אין הלכות דעות[37], וואו ער פסק'נט "ואסור לו לאדם להפקיר או להקדיש כל נכסיו ויטריח על הבריות", אַז דער איסור איז דוקא ביי "כל נכסיו" — אַנדערש ווי ער זאָגט אין הלכות ערכין וחרמין, אַז ער זאָל ניט אַוועקגעבן "יותר מחומש":

אין הלכות דעות רעדט דער רמב"ם ווי דער אדם דאַרף זיך פירן כראוי בעניני דעותיו והנהגותיו כו', דעריבער קען ער דאָ ניט פסק'נען ווי אַ כלל, אַז ער טאָר ניט מפזר זיין מער ווי אַ חומש — ווייל אין הנהגת האדם זיינען דאָ פאַלן ווען ער מעג (און דאַרף) געבן מער ווי אַ חומש, ולדוגמא[38] — ביי צדקה לעניים (ובפרט ווען דער עני איז עומד לפניו און בעט צדקה לצרכיו כו');

משא"כ אין הלכות ערכין וחרמין, וואָס מצד דער מצוה פון ערכין כו' האָט בכל אופן ניט קיין אָרט צו מפזר זיין מער פון אַ חומש, אויך ניט מצד מדת חסידות, כנ"ל.

ו. ע"פ הנ"ל (אַז דער ענין פון "אל יפזר יותר מחומש" ווענדט זיך מצד וועלכן גדר מצוה מען רעדט) — קען מען אויך מבאר זיין לפענ"ד וואָס דער אַלטער רבי זאָגט אַז מ'זאָל געבן צדקה ניט בלויז "יותר מחומש" נאָר נאָכמער, אַוועקצוגעבן "כל אשר לאיש" — וואָס דאָס איז אַ דריטער אופן, דהיינו ניט

---

32) להעיר מצפע"נ הל' מת"ע (פ"ט הי"ט). שו"ת שלמת יוסף (סט"ז אות ג) במש"כ בדעת השאילתות.

33) פ"ז ה"ה.

34) וכמ"ש בפיהמ"ש פאה שם.

35) ומש"כ שם "כל המפזר ממונו במצות", הכוונה בפשטות לערכין כו' שלפנ"ז, וכמ"ש בהלכה (יב) שלפנ"ז "ההקדשות וחרמין והערכין מצות", או — גם שאר מצות (חוץ מצדקה). — וראה גם סיום לשונו בפיהמ"ש פאה שם "ויתנהו בצרכי מצות".

36) גם כשאין עניים לפניו. — ול' "אל יבזבז כו'" שבש"ס בבלי (כתובות נ, א. ערכין כח, א) י"ל דלהרמב"ם אינו מדבר בצדקה לעניים (כבפרש"י שם) אלא בבזבוז להקדש (וכיו"ב) כמ"ש ברש"י מהדורא קמא (הובא בשטמ"ק שם). וגם בכתובות (סז, סע"ב) "אייתי לי חושבנאי דצדקה", אין הכוונה לצדקה לעניים (כלפנ"ז שם "הוה עניא כו'") כ"א לשם כללי לכל עניני צדקה שלו (כולל הקדשות כו'). ועצ"ע.

37) פ"ה הי"ב.

38) להעיר גם משו"ע אדה"ז שבהערה 31.

נאָר (א) ביז אַ חומש[39] (ב) אָדער „יותר מחומש" אָבער מיט דער הגבלה אַז ניט „כל נכסיו" (ווי דער ראָגאַטשאָווער[40] איז מבאר: ומשמע שם מדברי רבינו (אין פירוש המשניות) דרך כל ממונו אין זה מדת חסידות אבל יתר מחומש שפיר[41] מותר[42]) — נאָר (ג) „כל אשר לאיש":

דאָס וואָס מצד מדת חסידות קען אַ איד געבן „יותר מחומש" אָבער ניט כל נכסיו (אופן הב') איז נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט דעם גדר מצוה פון צדקה, וואָס ענינה איז צו העלפן דעם עני, אָבער דאָס וואָס דער אַלטער רבי אין אגה"ת און אגה"ק רעדט, איז וועגן אַזאַ נתינה לצדקה וואָס עיקר ענינה איז ניט (נאָר) מצד דעם חיוב צו העלפן דעם עני, נאָר צוליבן חיוב „לתקן נפשו" און „לפדות נפשו מתעניות וסיגופים" — און וויבאַלד דאָס איז אַן ענין שלו בעצמו, איז פאַר־שטאַנדיק אַז ער איז „קודם לממונו" ובפרט ווען דאָס איז ענין של נפשו (ע"ד פקו"נ), איז דערפאַר אין דעם ניטאָ קיין שיעור און הגבלה, אויך ניט די הגבלה פון „כל נכסיו", ווייל „כל אשר לאיש יתן בעד נפשו"[43].

ז. ויש לומר, אַז די דריי אופנים אין נתינת ממונו איז דאָ דוגמתם, זיי שפיגלען זיך אָפּ בפנימיות הענינים, אין די דריי כללות'דיקע דרגות אין עבודת ה'[44]:

דער גדר הנתינה פון מצות ערכין וחרמין ווייזט אויף אַ דרגא אין עבודה, ווען דער מענטש שטייט (נאָך) אין מדידות והגבלות פון זיין מציאות, וכנ"ל בדברי הרמב"ם „ראוי לו לאדם להנהיג עצמו בדברים אלו כדי לכוף יצרו ולא יהי' כילי כו'": ער איז דערמיט אויסן ניט (אַזוי) צורך הקדש, נאָר תועלת עצמו, וואָס אע"פ אַז דאָס איז אַ צורך ותועלת פון קדושה, צו כופה זיין דעם יצר און זיינע מדות („לא יהי' כילי"), אעפ"כ איז דאָס פאָרט צוליב זיך ע"ד לשון הש"ס[45] אדעתא דנפשי'; און ווייל ער שטייט (נאָך) אין דער מדידה והגבלה פון זיין מציאות, דערפאַר איז בהתאם לזה זיין חיוב המצוה — וואָס ווייזט אויף דעם אופן הצוותא וחיבור שלו מיטן אויבערשטן (און די המשכה וואָס ער איז ממשיך מלמעלה) — אויך במדידה והגבלה.

39) להעיר שממ"ש אדה"ז שבנדו"ז „אין לחוש משום אל יבזבז יותר מחומש", משמע, דס"ל שהדין דאל יבזבז הוא גם בצדקה (כדעת הרמ"א — יו"ד סרמ"ט ס"א. וכ"כ אדה"ז בקו"א להל' מכירה שלו ס"ד), דלא כהרמב"ם בפיהמ"ש כו' דס"ל שמצד מדת חסידות יש לתת יותר מחומש.

ולפענ"ד שגם אדה"ז אפ"ל דס"ל כהרמב"ם כאשר בא העני ושואל די מחסורו כו' — שהרי באגה"ת ובאגה"ק (הנ"ל) מדובר (לא שהעני בא וכו', כ"א) שהנותן משתדל להרבות בצדקה, שאז חוששין לאל יבזבז יותר מחומש (לולי הצורך לתיקון נפשו).

ועפ"ז יומתק שבאגה"ק סט"ז כ' רק ש„היא רפואת הגוף ונפש ממש, אשר עור בעד עור וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו", ולא כתב שאין לחוש משום אל יבזבז כו' — כי שם מדבר אודות החיוב דמצות הצדקה, „ליתן ביד מלאה ועין יפה לכל הצטרכות ההכרחיים לדי מחסורי האביונים נקיים אשר עיניהם נשואות אלינו כו'", היינו כאשר העני בא ושואל די מחסורו.

40) צפע"נ על הרמב"ם סוף הל' ערכין.

41) וראה בצפע"נ שם (ובהל' מת"ע פ"י הט"ז) עוד אופנים.

42) וראה גם ס' אגרות קודש אדמו"ר הזקן ע' קלד־ה.

43) וכן משמע בשו"ע אדה"ז או"ח שם: יפזר ויתן . . מדת ורב חסד שנשתבח בה הקב"ה.

44) להעיר מאגה"ק סי"ג (בתחלתו). מאמרי אדה"ז־פרשיות ח"א ע' שעח ואילך.

45) פסחים סח, סע"ב.

[ועפ"ז יש לבאר (בדרך רמז עכ"פ) דעם דיוק לשון הרמב"ם „והעושה כן עובר על דעת הכתוב שהרי הוא אומר מכל כו'" (אַ לשון (ואריכות) בלתי רגילה, דלכאורה האָט דער רמב"ם געדאַרפט זאָגן „עובר על מה שנאמר" וכיו"ב):

היות אַז דער איד געפינט זיך נאָך בגדר מציאותו, איז דאַן זיין עבודה ע"פ טעם ודעת דקדושה — במעמדו ומצבו איז ניטאָ קיין אָרט אויף דער עבודה שלמעלה מטעם ודעת. דעריבער איז דער רמב"ם מסיים, אַז ביי אַ אידן וואָס האַלט נאָך ניט ביי אָט דער מדריגה איז „אין זו חסידות (שטות דקדושה, אַ הנהגה לפנים משורת הדין)[46] אלא שטות" (שלמטה מטעם ודעת)[47]].

בשעת אַ איד בעבודתו גייט אַרויס פון הגבלת מציאותו און ער זוכט ניט (דוקא) זיין אייגענעם תועלת (אפילו פון קדושה), נאָר ער טראַכט וועגן דעם צווייטן איד'נס צרכים, איז דאָס אַן עבודה למעלה ממדידה והגבלה — און דאָס דריקט זיך אויס אין מצות צדקה, וואָס גדרה וענינה איז, אַז דער נותן גיט ניט לתועלת עצמו, נאָר (בעיקר) לצרכו וטובתו של העני[48]; און דעריבער איז אויך די מצוה (אויך דער צוותא וחיבור און די המשכה מלמעלה שעי"ז) ניט מדוד ומוגבל אין דעם שיעור פון חומש דוקא.

אע"פ אַז דאָס וואָס אַ איד פאַרבויגט אויף זיך און טראַכט וועגן אַ צווייטן אידן איז אַ תנועה פון אַרויסגיין פון הגבלות מציאותו — איז דאָס אָבער נאָך אַלץ ניט קיין דרגא וואָס איז לגמרי העכער פון מדידה והגבלה; וואָרום ביי אים איז אַ חשבון ומדידה (עכ"פ) ביחס צום צווייטן — „כפי מה שראוי לעני".

למעלה מזה איז דער סוג עבודה „לתקן נפשו": וויבאַלד דאָס איז פאַרבונדן מיטן עצם מציאות וחיי האדם ממש ע"ד פקוח נפש, איז אין דעם לגמרי ניט שייך חשבון ומדידה, ובעבודתו — די עבודה פון בכל מאדך, וואָס קומט מצד יחידה שבנפש (יחידה לייחדך, וואָס איז איין זאַך מיט דעם אויבערשטן אַליין) — דעריבער איז מצד בחי' זו די עבודה פון בלי גבול ממש[49], ס'איז ניט שייך קיין חשבון ומדידה, „כל אשר לאיש יתן בעד נפשו".

ח. והנה וויבאַלד אַז מצד דעם גדר פון מצות צדקה דאַרף אַ איד געבן במדת חסידות אויך „יותר מחומש" (ובפרט ווען דער עני קומט און בעט זיינע הצטרכות'ן) — איז מובן, אַז כשם ווי דאָס איז במדת והנהגת האדם, אַזוי איז עס אויך (ועאכו"כ) בנוגע דער צדקה פון דעם אויבערשטן — „לך[50] ה' הצדקה": היות אַז אידן זיינען מתפלל, זיי קומען און בעטן אַז דער אויבערשטער זאָל זיי געבן „די מחסורים" („צדקה"), דאַרף דער אויבערשטער כביכול, ממלא זיין בקשתם און זיי געבן „יותר מחומש", און דאָס מיינט מער ווי אַ חומש כביכול פון זיינע, פון דעם אויבערשטנ'ס, נכסים!

46) ראה רמב"ם הל' דעות פ"א ה"ה דחסיד הוא כשיתרחק מדעה הבינונית. וראה שו"ע אדה"ז או"ח שם.

47) להעיר ממרז"ל (כתובות יג, א) „אהניי' לי' שטותי' לסבא", שטות דקדושה המהפכת שטות דלעו"ז. וראה ד"ה באתי לגני ה'שי"ת פ"ה (ודשנת תשט"ו).

48) וראה גם קו"א בשו"ע אדה"ז הל' מכירה שם.

49) בכל הנ"ל להעיר מאגה"ק סיו"ד שם. ואכ"מ.

50) דניאל ט, ז.

און על אחת כמה וכמה ווען דאָס האָט צו טאָן מיט'ן העכסטן און עיקר־דיקן אופן פון צדקה וחסד — פדיון שבויים[51], אויסלייזן די אידן פון גלות דורך דער גאולה שלימה.

און נאָכמער דערפון (— אָן אַן ערך), וויבאַלד אַז דאָס איז כביכול נוגע צו דעם אויבערשטן אַליין: וואָרום נוסף אויף דעם, וואָס יעדער איד איז אַ „חלק אלקה ממעל ממש"[52] (און דערפאַר, ווען דער איד (דער „חלק") איז אין גלות, רירט עס אָן כביכול דעם אויבערשטן), איז דאָך ידוע אַז „שכינתא בגלותא"[53], אַז דער אויבערשטער געפינט זיך כביכול אין גלות; וכמש"כ[54]: „ושב ה"א את שבותך", „והשיב לא נאמר אלא ושב"[55] — איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז אין דעם איז כלל וכלל ניטאָ קיינע הגבלות, ווייל „כל אשר לאיש — אין איש אלא הקב"ה, שנאמר[56] ה' איש מלחמה[57] — יתן בעד נפשו".

און דאָס מיינט (בפשטות) אַז עס זאָל באַלד מקויים ווערן דער יעוד פון גאולה „כימי צאתך מארץ מצרים", אַז לא עיכבן המקום כהרף עין"[58],

בשעתא חדא וברגעא חדא[59] גייען אידן אַרויס פון גלות „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[60], „בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו"[61] ו„כספם וזהבם אתם"[62] — „ושב ה' אלקיך (שכינתא בגלותא) את שבותך", און מען קומט אין ארצנו הקדושה „ארץ אשר גו' תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[63], און מען איז זוכה לקיום היעודים „אפס[64] כי לא יהי' בך אביון גו'" „לא[65] יהי' שם לא רעב כו' המעדנים מצויין כעפר כו'", בגאולה האמיתית והשלימה, על ידי משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש"פ ראה תשד"מ)

---

51) להעיר מצפע"נ שם: „פדיון שבויים דהיא מצוה מחוייבת שאני, וגם הוי בגדר לאו דלא תעמוד כו'".

52) איוב לא, ב. ובתניא רפ"ב מוסיף תיבת „ממש".

53) זח"ג ד, ב. סו, סע"א. ועוד.

54) נצבים ל, ג.

55) מגילה כט, א (הובא בפרש"י עה"פ שם) — רשב"י אומר בוא וראה כמה חביבין ישראל כו' — בעל השמחה דיום ג' שבוע זה (בחוקותי תשמ"ו).

56) בשלח טו, ג.

57) סוטה מב, ב. וש"נ.

58) מכילתא ופרש"י עה"פ בא יב, מא.

59) כפס"ד הרמב"ם „מיד הן נגאלין" (הל' תשובה פ"ז ה"ה. ושם בה"ז) „צועק ונענה מיד שנאמר (ישעי' סה, כד) והי' טרם יקראו ואני אענה".

60) ישעי' כז, יב.

61) בא י, ט.

62) ישעי' ס, ט.

63) עקב יא, יב.

64) ראה טו, ד.

65) רמב"ם סוף הל' מלכים (וספר היד כולו).